# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת בהר

## שכר שַׁבָּת

### פארוואס מעג הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ באצאלן שְׂכַר שַׁבָּת

**די** אַחֲרוֹנִים פרעגן ווִי אזוי מעג הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ באצאלן שְׂכַר פאר די מִצְוָה פון אפ-היטן שַׁבָּת דאס איז דאך שְׂכַר שַׁבָּת וואס איז אָסוּר, ענטפערן זֵיי אזוי, אַז וויבאלד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וויל גוטס טאן מִיט אידן און פארמערן זייערן גרויסן שְׂכַר נאָר צוליב דעם אפהיטן פון שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַלֵיין, ווייל דער שַׁבָּת איז חָשׁוּב אזוי ווִי אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת אונאיינעם [ירושלמי נדרים], אבער וויבאלד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פירט דער וועלט לוֹיט די הֲלָכָה פון די תּוֹרָה, און וויבאלד לוֹיט די דִּינֵי התּוֹרָה טאר אַ מענטש נישט נעמען קיין שְׂכַר שַׁבָּת פון זיין ארבעט אִים שַׁבָּת, דערפאר אויב וואלט ווען דער שַׁבָּת נישט ווען געהאט קֵיין שַׁייכוּת מִיט די וואכן טעג וואלטן מִיר ווען נישט געמעגט נעמען קֵיין שְׂכַר אויף דעם אפהיטן דעם שַׁבָּת, וְועגְן דעם האָט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ באפוילן אַז מען זאל דארפן געדענקן דעם שַׁבָּת אינמיטן וואָך אויך, כְּדֵי דער שַׁבָּת זאל האָבן אַ שַׁייכוּת אויך אִין די וואכן טעג, וועט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אויך באצאלן פאר די מִצְוָה פון דעם געדענקן דעם שַׁבָּת פון אנהייב פון די וואכן טעג, וועט דאך דער שְׂכַר שַׁבָּת זֵיין אריינגערעכנט מִיט דעם שְׂכַר פון געדענקן דעם שַׁבָּת שׁוֹין פון די וואכן טעג, וואס אויף אַזַא אוֹפֶן מעג מען נעמען שְׂכַר שַׁבָּת לוֹיט די הֲלָכָה, און מִיר וועלן מעגן נעמען דעם שְׂכַר דערויף. **דברי יצחק אות כ"א**

### שַׁבָּת באשיצט

**שַׁבָּת** באשיצט אַז אויך אִין די וואכן טעג זאל נישט קוּמען קֵיין שׁוּם צָרוֹת און קלאגן אויף אִידִישֶׁע קינדער. **הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע**

### שַׁבָּת ברענגט רְפוּאוֹת

**רַבִּי** יִצְחָק האָט געזאגט, אַז די זון שיינט אום שַׁבָּת איז דאס אַ צְדָקָה צוּ דִי ארימע מענטשן, ווייל זֵיי ווארעמען זיך אָן פון די זון אִין די קאלטע טעג און רוען זיך אויס. אזוי ווִי עס שטייט אִין פָּסוּק [מלאכי ג'-כ], וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי, שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא - עס וועט שיינען די זון צוּ אייך דִי מענטשן וואס אִיר האָט מוֹרָא פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ [וואס אִיר היט שַׁבָּת], און דאס וועט אייך זֵיי אַ צְדָקָה און אַ היילונג. **תענית ח.**

**דוֹרֵךְ** היטן שַׁבָּת ווִי עס דארף צוּ זֵיין, קען מען זוֹכֶה זֵיין געהיילט צוּ ווערן פון אַלֶע קרענק. אזוי ווִי מען זאגט נָאךְ פון צַדִּיקִים [דברי יחזקאל], אַז דערפאר ווערט דער טאג אנגערופן דער הייליגער שַׁבָּת, ווייל הייליגער איז פונעם לָשׁוֹן היילן, דערפאר וואס דער שַׁבָּת היילט, דער טאג האָט אִין זיך אַ קְדוּשָׁה און אַ סְגוּלָה צוּ היילן.
**דברי יחזקאל החדש עניני שבת קודש**

**שַׁבָּת הוא מִלִּזְעוֹק, וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא**

**דִי** גְּמָרָא זאגט [שַׁבָּת י"ב], אַז דער וואס גֵייט באזוכן אַ קראנקן אום שַׁבָּת זאל עֶר אִים זאגן שַׁבָּת הִיא מִלִּזְעוֹק, וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא - שַׁבָּת דארף מען נישט צוּ שרייען, ווייל די רְפוּאָה איז שוין נאנט צוּ קוּמֶען.

**קען** זֵיין אַז דער טַעַם דערפון איז, ווייל דאס וואס דִי מענטשן שרייען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווען זֵיי זענען אִין אַ צָרָה, און זֵיי ווערן לײידער נישט געהאלפן, איז צוליב דעם ווייל זֵיי האָבן זיך אַלֵיין דערווייטערט פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דעריבער אֲפִילוּ זֵיי שרייען ווערן זֵיי נישט געהאלפן. אבער דוֹרֵךְ דעם וואס מען היט שַׁבָּת ווִי די הֲלָכָה פארלאנגט, דערנענטערט מען זיך צוריק צוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, ווִי דאס וָוארְט שַׁבָּת איז דִי זעלבע אוֹתִיּוֹת ווִי

# שְׂכַר שַׁבָּת

דאס וָוארְט תֵּשֵׁב, מען נעמט אֲרֵיין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז הָאָרֶץ. דעמאלס איז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָאֶנט צוּ אַלֶע וואס רופן איהם, דארף מען שוין מער נישט שרייען, וַוייל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז שוין נָאֶנט צוּ איהם, און אַז מען איז נָאֶנט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פעהלט שוין גארנישט, און עס איז זיכער אַז דִי רְפוּאָה וועט קוּמֶען.

**מאור עינים פ' ויקהל ד"ה וזהו**

**די** גְמָרָא זאגט [שבת י"ב] אַז דער וואס גֵייט באזוכן אַ קראנקן שַׁבָּת זאל עֶר אִים זאגן שַׁבָּת הִיא מִלִזְעוֹק וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא - שַׁבָּת דארף מען נישט צוּ שרייען, וַוייל דִי רְפוּאָה איז שוין נָאֶנט צוּ קוּמֶען, - מען קען זאגן אַ רֶמֶז אִין דִי גְמָרָא אזוי: אויב אִיר וועט היטן שַׁבָּת אויף אזא אוֹפַן, אַז דער שַׁבָּת זאל נישט דארפן שרייען אויף אייך אַז אִיר זאלט אִיר נישט מְחַלֵל זַיין, דעמאלס וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא איז דִי רְפוּאָה גרייט צוּ קוּמֶען אִין אייער שְׁטוּב. **הגה"ק רבי הלל מפאריץ זי"ע**

**די** גְמָרָא זאגט [שבת י"ב], אַז דער וואס גֵייט באזוכן אַ קראנקן שַׁבָּת זאל עֶר אִים זאגן שַׁבָּת הִיא מִלִזְעוֹק וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא - שַׁבָּת דארף מען נישט צוּ שרייען, וַוייל דִי רְפוּאָה איז שוין נָאֶנט צוּ קוּמֶען.

**דאס** עִנְיָן קען זַיין וַוייל עס שטייט אִין [בראשית רבה י"א ח'] אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געזאגט פאר דעם שַׁבָּת אַז דִי אידן וועלן זַיין זַיין פּאָר, דער תַּנָא אִין דִי מִשְׁנָה זאגט [כתובות נ"א] אַז ווען דאס ווייב איז קראנג איז דער מאַן מְחוּיָב אִיר אויסצוהיילן.

**דערפאר** זאגט מען שַׁבָּת הִיא מִלִזְעוֹק וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא וַוייל שַׁבָּת איז דאס פּאָר איז דער שַׁבָּת מְחוּיָב אויסצוהיילן דעם קראנקן מענטש.

**מאורי אור**

### דערמאנען שַׁבָּת ברענגט רְפוּאוֹת

**עס** איז גלייך אַז מען זאל האלטן און אֵיין דערמאנען דעם נָאמֶען שַׁבָּת, וַוייל דאס איז דער נָאמֶען פון הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און דוּרֶךְ דעם וואס מען דערמאנט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס נָאמֶען איז מען מְעוֹרֵר דעם קְדוּשַׁת הַשַּׁבָּת, וואס איז דִי דְּבֵיקוּת פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צוּ אִידִישֶׁע קינדער, וואס איז אונזער אלעמענס לעבן און עס וועט ברענגן רְפוּאוֹת. **אהבת שלום פ' וירא**

**עס** איז באקאנט פון דִי סְפָרִים, אַז אינדערוואכן זאל מען דערמאנען אַ חוֹלֶה בַּיי דִי אכטע בְּרָכָה פון שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, דִי בְּרָכָה פון רְפָאֵנוּ, און דוּרֶךְ דעם וועט אִים הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שיקן אַ רְפוּאָה. שַׁבָּת אַז מען דאווענט נישט קֵיין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בְּרָכוֹת, זאל מען אינזינען האָבן דִי חוֹלֶה בַּיי דִי צווייטע בְּרָכָה פון מְכַלְכֵּל חַיִּים ווען מען דערמאנט דִי ווערטער פון וְרוֹפֵא חוֹלִים. דאס מיינט וּרְפוּאָה קְרוֹבָה לָבוֹא, אַז דִי רְפוּאָה קומט שוין בַּיי דִי צווייטע בְּרָכָה.

**מען** קען אויך אֶפְשָׁר זאגן פְּשַׁט אזוי, אַז דוּרֶךְ דעם זְכוּת און כּוֹחַ פון שַׁבָּת קומט שוין דִי רְפוּאָה פון עֶרֶב שַׁבָּת, פון ווען מען גרייט צוּ צוּם שַׁבָּת.

**דבר צבי אות רפואה בשבת**

### וואונטשן בִּשְׁעַת הֲכָנָה לְשַׁבָּת

**כ"ק** אדמו"ר הגה"צ אבד"ק פאפא בַּעַל וַיְחִי יוֹסֵף זי"ע פלעגט צוּ דערציילן פון זַיין זֵיידֶע הגה"ק בַּעַל עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זי"ע ווען עֶר איז אמאהל שטארק קראנק געווען, האָט עֶר עֶרֶב שַׁבָּת נאכמיטאג געלאזט רופן זַיין רעבעצין מִיט זַיין טאכטער בִּשְׁעַת ווען זֵיי האָבן אנגעגרייט דִי מַאֲכָלֵי שַׁבָּת לִכְבוֹד שַׁבָּת, אַז זֵיי זאלן אִים יעצט וואונטשן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. וַוייל דער זְכוּת פון דִי פרויען בִּשְׁעַת זֵיי גְרֵייטְן אָן צוּם שַׁבָּת איז זייער חָשׁוּב אִין הִימֶל, וויבאלד זֵיי גְרֵייטְן אָן לִכְבוֹד שַׁבָּת מִיט אַ שְׁלֵימוּת וִוי עס פאסט זיך פאר דעם הייליגן שַׁבָּת, זֵיי גיבן אכטונג אַז יעדער מַאֲכָל זאל האָבן דעם בעסטן טַעַם וואס זֵיי קענען אהערשטעלן, און זֵיי מאכן זויבער דִי שְׁטוּב לִכְבוֹד שַׁבָּת, דעריבער האָבן זֵיי דעמאלס גאר אַ שטארקן כֹּחַ אִין הִימֶל צוּ וואונטשן רְפוּאוֹת און יְשׁוּעוֹת פאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אבער דִי מענער זענען נָאךְ זייער ווייט אַז מִיר זאלן זיך האָבן אנגעגרייט צוּם שַׁבָּת מִיט אַ שְׁלֵימוּת דעריבער האָבן נאָר דִי פרויען דעם כֹּחַ צוּ וואונטשן עֶרֶב שַׁבָּת נאכמיטאג.

### דער וואס היט שַׁבָּת ווערט נישט מְגֻלְגָל

**די** יְרוּשַׁלְמִי זאגט, אַז דאס אפהיטן שַׁבָּת איז גלייך וִוי מען איז מְקַיֵים דִי גאנצע תּוֹרָה און אויך וִוי מען איז מְקַיֵים אַלֶע מִצְוֹת. לויט דעם קומט אויס אַז דער וואס איז זוֹכֶה צוּ היטן שַׁבָּת וִוי דִי הֲלָכָה פאלאנגט, דער וועט נישט נאכאמאל מְגֻלְגָל ווערן, וַוייל עֶר האָט דאך שוין מְקַיֵים געווען אַלֶע מִצְוֹת הַתּוֹרָה. **אורחות יושר פ' י'**